STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04878

VI A FEDER IN VINT

Sara Shabath

Permanent preservation of this book was made possible
by Henriette Wenkart Epstein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שרה שבת / ווי אַ פעדער אין ווינט

ספר זה מופיע בעזרתה של קרן „חבצלת" אשר
לקיבוץ הארצי — השומר הצעיר ובעזרתה של
„קרן לעידוד יצירה ביידיש שע"י הוצאת
„ישראל-בוך". ותודותי נתונות להן בזה —

ש. ש.

שרה שבת

ווי אַ פעדער אין ווינט

לידער

פאַרלאַג „ישׂראל-בוך"
הילפספאַנד פאַר יידיש-שאַפונג
תל-אביב, תשמ"ו — 1985

שרה שבת

כנוצה ברוח

שירים

SARAH SHABATH

VI A FEDER IN VINTH

Poems

שרה שבת

ווי אַ פעדער אין ווינט

לידער

פאַרלאַג „ישראל־בוך"
הילפספאָנד פאַר יִדיש־שאַפונג אין ישראל
רחוב איתמר בן־אבי 4, תל־אביב, ת.ד. 1777

Israel Publishing House
4, Itamar Ben Avi st., Tel-Aviv, P.O.B. 1777

©

נדפס בישראל, תשמ"ו
Printed in Israel, 1985

דפוס „אורלי" — פרידמאַן תל־אביב, טל' 372062

איך און מײַן ליד

מײַן ליד

עס האָט מײַן אויג דערזען אַ מענטש,
אַ בוים,
אַ גראָז;
עס האָט מײַן באַק דערפילט
אַ זונשטראַל אַ וואַרעם־מילדן —
האָב איך דאָס אַלץ אין זיך באַהאַלטן
און שוין ליגט אין מיר טיף
אַ בילד.

מײַן אויער האָט דערהערט אַ קלאַנג,
אַ ווײַט געררויש פון ווינט,
אַ הויך לאַכן,
אַ וויסט געוויין
און פון דעם אַלעם געבליבן איז בײַ מיר
אַ ניגון.

זאָגט ס'בילד צום ניגון: —
מירביידע, סאַראַ שיינע פּאָר.
קום, לאָמיר גיין צוזאַמען
האַנט בײַ האַנט גאָר
און ווערן ליד —
מײַן ליד.

איך דאַנק

איך דאַנק יעדער שעה,
איך דאַנק יעדן טאָג
פאַר אַלץ וואָס דו האָסט
מיר געגעבן.
פאַר דער שטראַל
וואָס פאַלט,
פאַר דער היץ,
פאַר דער קעלט,
פאַר יעדער מינוט
אין מײַן לעבן.
פאַרן ווײַסן פאַפיר,
פאַר דעם וואָרט
וואָס אין מיר,
פאַרן כוח דאָס אַלץ
איבערצוגעבן.

*

לידידתי גיזלה —

שטייט אַ פויגל אויפן בוים
אויף זײַן סאַמע שפּיץ
שטייט און טרילט מיט זיסן קול
טרי לי, לי לי, לי.

דאַנק איך דיר, בוים,
בײַ דיר אין שויס
ליכטיק איז די וועלט
גרויס —
טרי לי, לי לי, לי.

צווישן קוסטעס, טיף אין גרינס,
שטייט אַ פייגעלע אַ קליינס,
צוויטשערט זיס, מיט פולן קול:
צווי צי, צי צי, צי.

קומט אַהער, איר ליבע פרײַנד,
וועט איר זען ווי ס׳בליִען הײַנט
אַרום מיר דאָ בלומען,
ווי ס׳איז דופטיק,
ווי ס׳איז פריש,
אַזויפיל פלאַטערלעך אַרום
האָט דאָ די זון —
צווי צי, צי צי, צי.

גייט אַ מענטש און קוקט זיך אום,
ווערט פאַרגליווערט,
ווערט פאַרשטומט
פון דער שיינקייט וואָס אַרום,

קוקט פאַרחלומט אויף דער וועלט: —
עפּעס פעלט אינז דאָ, פעלט.
נעמט ער פען און נעמט פּאַפּיר
שרײַבט אַ ליד אָן פאַר זיך —
און פאַר דיר.

אַ ליבע־ליד

די זון פֿאַרגייט.
אָנקומען וועט באַלד די נאַכט.
באַלד ענדיקט זיך מײַן טאָג
און דײַן נאַכט איז אויך ניט ווײַט.
טאָ שטרעק אויס דײַן האַנט
און דריק מײַנע פעסט, פעסט,
עס וועט אַ וואַרעמקייט פליסן
ווען מײַן האַרץ פרעסט.
איך וועל פילן —
די זון שטייט אין גבעון
און שטיין בלײַבט די לבנה
אין טאָל פון אילון,
און ביידע מיר,
נאָר מיר,
אין לעצטן זונענשטראַל
פירן מלחמה מיטן פײַנט: —
צ ײַ ט.

אין פרייד און צער

עס פלעכטן זיך צוזאַמען
פרייד און צער.
דאָס האַרץ —
אַ האַרמאָשקע,
אַ בלאָזזאַק וואָס צעבלאָזט
אַ פײַער,
צי גאָר אַ ווינט וואָס לעשט
די קוילן אויס.
עס צעשפּילט זיך הויך,
לאָזט פריילעך ברייטע טענער
אַרויס.
און מיט אַ מאָל —
אויס.
אַ מענטש איז דאָך נאָר אַ מענטש,
קלאַפּט זײַן האַרץ אין טאַקט,
ווען צער געפלאָכטן ווערט אין צוגעטראַכטער פרייד
און ווען פרייד געפלאָכטן איז אַפילו
מיט טעג פון טיפן צער.

געקומען פון ווײַטן

— רוכלען לזכר

געקומען פון ווײַטן
אַן אינדין אַ יונגע,
מיט אויגן מיט גרויסע
מיט אָפענעם בליק,
געפרייט זיך מיט זון,
מיטן באַרג, מיטן הויכן,
געלאַכט און געוויינט
אין דער שטיל.
געזונגען זי האָט דאָ
ברויזיקע לידער
פון אַרבעט,
פון זון,
פון טוי
און פון באַרג,
פאַרחידושט געקוקט אויף דער וועלט.
נאָר איינמאָל פאַרשטומט איז געוואָרן
איר ליד.
אונטערגעהאַקט האָט די פײַן איר חן,
די צילקע די ווילדע
פאַרבייגט האָט איר קעפּל, —
פאַראומערט געוואָרן איז איר ליד.
גייט די זון אויף און גייט אונטער
און דער באַרג טרויערט,
נאָרביימער אין ווינט ברומען און זינגען
איר ניט־פאַרענדיקט
ליד.

מײַן באָבעס ליד

מײַן באָבע פּלעגט מיר זינגען
בײַם װיגל אַ ליד
װאָס געדענקען
איך געדענק נאָך ביז הײַנט,
אַז „גאָט איז אַ פּאָטער..."
מײַן באָבע האָט צום װיגל געבראַכט מיר
דעם ריח פֿון גאָרטן,
פֿון בלײַעכץ,
פֿון גרינסן.
אױך קאָלירן האָט מײַן באָבע מיר געבראַכט:
פֿון אוגערקעס גרינע,
פֿון גראָע קאַרטאָפּל
און רױטקײט פֿון מאָנבלום.
האָב איך פֿאַרהאַלטן אין מיר איר ניגון,
די ריחות און קאָלירן
פֿאַר מײַן אײגענעם פֿרילינג.

מײַן מאַמעס ניגון

מײַן מאַמעס ניגון הייס איז געווען
ווי דער זומער.
פון וואַרשטאַט האָט זי אים געבראַכט,
פונעם רויש פון מאַשין
פונעם שטעפּ פון דער נאָדל.
האָב איך בײַ איר געלערנט רייזענס ליד:
„העמערל, העמערל קלאַפּ"
און געווען זענען דאָס די טעג, די שיינע
מיט מײַן מאַמען —
אין זומער.

מײַן זיידנס חומש־לערנען

דער זיידע פלעגט קומען
אין אָסיען
פון גערטנער ווײַטע אין פויזן,
פון געדונגענע סעדער.
געשמעקט האָט ער מיט אויבסט
פון די ביימער,
מיט גרינס פונעם גאָרטן
און געלערנט מיט מיר חומש מיט רש״י.
האָב איך געזאַפּט אין זיך
זײַן ניגון און דעם ריח
פון פעלד און פון סאָד
און געפרייט זיך מיטן אָסיען.

מײַן טאַטע זינגט ניט

קורץ איז דער ווינטער־טאָג.
דער טאַטע, פֿאַרשוויצט און פֿאַרמאַטערט,
קומט פֿון זײַן אַרבעט אַהיים.
טראָגט אונדזער טאַטע מיט זיך
דעם ריח פֿון זעגעכץ
פֿון פֿרישע ברעטער, פֿון וואַלד,
זינגט ער ניט.
ער לייענט
און מעשיות דערציילט ער
און שיין איז אונדזער קינדהייט
אין ווינטערדיקן טאָג.

ניגונים

די אַלע ניגונים,
די לידער,
די ווערטער
פאַרשטאַרק איך,
באַהאַלט איך אין זיך.
בײַם זאַמלען די טרויבן
אין זומער־פאַרטאָגן,
בײַ קלײַבן די גרינסן
אין אָסיען־פאַרנאַכטן,
אין כּרם,
אין גאָרטן ;

בײַ וואַשן די קינדער
אין קינדער־היים,
בײַם רויש פון מאַשין בעתן נייען
זינג איך די אַלע ניגונים,
נאָר אין דער שטיל,
בײַם סילען דעם פאָדעם אין דער נאָדל
פאַרטראַכט איך זיך פלוצים און זוך —
איך זוך דאָן די ווערטער און ניגון
פון מײַן אייגענעם ליד.

ווער זינגט דאָס ליד?

לידער שרײַבט מען, לידער זינגט מען,
נאָר נישט אַלע זענען גלײַך.

איינער שרײַבט אַ ליד וועגן הימל,
ער זוכט ווערטער הויכע,
צום זיבעטן הימל דערגרייכן.
נאָר ווער לייענט זײַן ליד?

די וואָס זוכן די ווערטער שיינע
צו פאַרשײַנען זיך דעם טאָג?
צי די וואָס חלומען פון הימלען?

אַ צווייטער שרײַבט וועגן בלומען.
שמעקן זײַנע ווערטער מיט ריחות,
דערציילן זײַנע ווערטער וועגן פאַרבן
און מאָלן און צייכענען נאַטור.
ווער זשע לייענט זײַנע לידער?

די וואָס גאַרן צווײַגן גרינע,
די וואָס זוכן בלומען רויטע,
די וואָס שעפּן פולע לונגען
מיט גוטן ריח פון אַ ליד.

נאָר אַ דריטער שרײַבט וועגן פּראַצע,
וועגן שווער־פאַרדינטן ברויט,
וועגן קינדער הויל און נאַקעט
וועגן ריח פון שווייס און נויט.

זוכט ער ווערטער פּשוטע
האַרטע ווי די פעלדזן,
וואָס יעדער קאָן פאַרשטיין.
לייענט ווער די לידער זיינע?
ניין, קיינער, קיינער.
ווײַל די ווערטער ער באַשרײַבט אין ליד
זענען פון דער שווערער פּראָצע מיד,
פאַלן אויף געלעגער האַרטן
ווי די שטיינער, ווי די פעלדזן
אָן אַ האָפענונג,
אָן חלומות,
אָן אַ נאָטע פון אַ ליד.

דאָס פּאַסיקע וואָרט

דו זוכסט ס'פּאַסיקע וואָרט תמיד, תמיד,
ווילסטו זאָגן,
ווילסטו שרײַבן,
זוכסטו שטענדיק ווערטער,
ווערטער וואָס זאָלן דערציילן,
דערציילן.
נאָר איין וואָרט,
ווען דו שטעלסט
אויפן ריכטיקן אָרט,
זאָגט: ליבע,
זאָגט אַלץ
וואָס דײַן האַרץ פאַרלאַנגט.
אַ צווייט איינציק וואָרט
דריקט אויס: האַס,
זאָגסטו האַסט
טרײַבסטו אַוועק דאַן די בעסטע פרײַנד.

און ווילסטו עמעצן אַ שטאָך טאָן —
זוך ניט קיין נאָדל,
זוך ניט קיין שפּיזל,
מיט אַן איינציק וואָרט
קאָנסטו יענעם טייטן, דערשטעכן.

יאָ, דאָס פּאַסיקע וואָרט בלויז.

ווי אַ פעדער אין ווינט

אַמאָל האָבן מענטשן
געשריבן מיט אַ פעדער,
זענען לײַכט געווען די לידער
ווי עס פּאַסט פּאַר אַ פעדער —
מיטן ווינט, מיטן קלענסטן,
זענען ווערטער אַרומגעפלויגן
און כאַפּ זיי,
און האַלט זיי —
אַ ליד.

הײַנט שרײַב איך מיט שטאָלענער פען.
אָ, ווי שווער עס זענען די ווערטער!
זיי טרעפן אין האַרץ ווי אַ קויל,
זיי שטעכן מיט שפּיזן אין מוח
און לאָזן נישט אָפּ,
איז ווו נעמט מען אַ שטאָלענעם גוף
זיך אַנטקעגן צו שטעלן איצט דער פען,
ווען אַליין כ'בין נישט מער
ווי אַ פעדער אין ווינט?

סטעזשקעס אין מײַן דאָרף

ביימער

ביימער הויכע, ביימער ברייטע,
ביימער פּרוכטבאַרע מיט פּירות
וואָס דערמאָנען אין עבירות
פֿון אַמאָל — אין ליד,
אין לידער.

ביימער ברייטע און צעקרימטע
ווי דער איילבירט פֿול מיט פּרוכט,
מאַראַנצן־ביימער נידעריקע —
זיי האָסטו דאָך פֿאַרפּלאַנצט,
איצטער מאָנסטו דעם פּראָצענט.

הויך און טונקל שטייט דער פּיקוס,
שטאָלץ צעוואַקסט דער עקאַליפּטוס —
ער האָט זומפּן אויסגעטריקנט!
און דער ציפּרעס שטייט און דאַוונט
שטרעבט צום הימל, ציט אַלץ העכער,
שטייט אַנטקעגן יעדן ווינט.

אין די נעכט פֿון וויכער, רעגן
טוט ער זיך וואַקלען, בייגן,
דאָ אויף רעכטס און דאָ אויף לינקס,
ווי אַ פֿרומער ייִד בײַם שטענדער,
און אויף מאָרגן ווידער שטייט ער,
שטאָלץ צום הימל ער שיקט זײַן שטערן
דאַנקט פֿאַרן נישט צעבראָכן ווערן.

ביימער. ביימער.

סילאַנום־קוסט

פון וואַנען קומען אַהער ווילדע קוסטן
בלוי־לילאַ,
וואָס בליִען בײַ די וועגן,
און מיר רופן זיי
מיט אַ נאָמען אַזאַ שטייפן:
סילאַנום החדק? *
סך־הכל זענען דאָך דאָס
וואַנדערער ווילדע
געקומענע פון אַפריקע ווײַטער
באַזעצט זיך בײַ די וועגן,
נעמען אײַן שטחים, שטחים,
און וואַנדערן אַלץ ווײַטער און טיפער
אַרײַן אין לאַנד.

האָב איך זיי ליב
איך וואַרט אויפן זומער
זיי צו באַזוכן
ווי די קרובים
פון טאָגטעגלעכער שפּײַז —
די קאַרטאָפל.

---

* סילאַנום פון העלפאַנט־נאָז

מאַלוועס

כ'האָב זיי געזען
אין מײַנע קינדער־יאָרן,
די בליִענדיקע מאַלוועס.
אונדזערע שכנים די גויִים
האָבן מיט לענטעס זיי פֿאַרבונדן,
אַ קרבן דעם קלויסטער געבראַכט
צוזאַמען מיט דער תּפֿילה צו גאָט.

שפּעטער האָב איך זיי באַגעגנט דאָ
אויפֿן באַרג גלבוע,
שטאָלצע, ליכטיקע,
ווי ליכט אין די הענט
פֿון די געסט בײַ אַ חופּה,
בליִענדיק אין אַלע קאָלירן —
די שניט־רויז.*
הײַ־יאָר האָבן זיי זיך
אין ליכט פֿון מזכּיר־נשמות פֿאַרוואַנדלט,
געלויכטן און אויסגעגאַנגען.
געלויכטן און אויסגעברענט,
איצט ליגן זיי טרוקענע,
מיט דערנער צוזאַמען.
אַ נשמה־ליכט פֿאַר קינדער
וואָס האָבן געבליט אַמאָל
און — פֿאַרבליט.

---

* ורד הקציר

לאַכן ביימער

לאַכן ביימער, לאַכן:
זעט די גראָזן,
זעט די ווילדע,
אויפגעשפראָצט קוים פון דער ערד
און שוין צעוואַקסן זיך,
צעבליט און זיך פאַרשלייערט
ווי אויף אַ חתונה די כלה.
בליט דער ווילדער כריין,
דער רעטעך,
בליט דער קנאָבל,
בליט דער קראָפּ,
זוכט אַ קאָפּ דער ברייטער קאַם
פון דער שיינער שולמית.

נאָר די ראָזע מאַלווע פלייסט זיך,
גריסט זיך,
ציט זיך דין און ציט זיך גלייך
ווי אַ שבתדיק ליכט
און באַלייכט די גרינע גראָזן.

איז זי מיר באַליבט געווען
ווען איך פלעג זי זען
ביי אַ פויערטע אין האַנט,
צוגעבונדן מיט אַ באַנד,
גייענדיק צו תפילה.

איצטער בליט זי דאָ פֿאַר מיר
אויף מײַן נאָענטן, ליבן באַרג,
אויסגעפּוצט אין פֿרילינגס־טראַכט
אין ראָז, אין ווײַס און לילאַ,
איז זי מיר זיבן מאָל ליבער.

דער באָקסערבוים

צווישן צווייַגן
פון דעם אַלטן באָקסערבוים
האָבן פייגעלעך
אַ נעסט זיך געמאַכט,
זינגען זיי אין פאַרטאָגן,
צוויטשערן דאָרט פרייַלעך,
וועקן אויף די שכנים —
די קליינע פייגעלעך.

אונטער צווייַגן
פון דעם ברייטן באָקסערבוים
האָבן קינדערלעך
אַ שפּילפּלאַץ זיך געמאַכט,
אַלטע טעפּעלעך אַהין געבראַכט
שטולן אָפּגעניצטע, ברעטעלעך.
קאָכן דאָרט און באַקן,
עסן און טרינקען —
די קליינע קינדערלעך.

אין די פאַרנאַכטן
זיצן דאָרט
פאַרליבטע אַ פּאָר
זיי זינגען דאָרט,
שעפּטשען זיסע רייד,
האָלוביען זיך
ווי יונגע טייַבעלעך
אין דער פינצטער צווישן צווייַגן.

נאָר דער אַלטער באָקסערבוים
שטייט אומעטיק און פאַרטרויערט.
— „וואָס קומערסטו זיך, ברייטער בוים,
נאָך ווען בענקסטו דאָס?"
עס פעלן מיר די ציגעלעך
די שוואַרצע,
די ווייַסע,
פריילעכע,
זיי, די שאָדן־מאַכערס
פעלן מיר און פעלן.
ווי פריילעך פלעגט זייַן דאָ!
זיי פלעגן שפּרינגען אויף מייַן ברוסט
זיי פלעגן פרייען זיך מיט מיר,
מיט יעדן פרישן צווייַגעלע,
מיט יעדער נייַעם בלעטעלע —
די שטיפערקעס,
די ציגעלעך.
זיי פלעגן שטענדיק מיר זינגען
מע־מע און מע, ע, ע.

שטייט ער איצט און שווייַגט
אין טרויער
בייגט זייַן קאָפּ
דער פאַרבענקטער,
אַלטער
באָקסערבוים.

דער טראַקטאָר

די ערד האָט געעפנט צענדליקער מײַלער
נאַסע גרודעס פֿון אונטן
אַרויף אויף אויבן
ליגן ווי מיט טרערן באַגאָסן.
דער טראַקטאָר,
האָט הײַנט זיך צעבייזערט,
ער האָט דעם אַלטן כּרם
פֿון איילבירטן ברייטע,
מיט וואָרצלען פֿאַרצווײַגטע,
אויסגעקאָרטשעט, אויסגעריסן.
ער שרײַט מיט קולות פֿרעמדע:
— גענוג אײַך דאָ געשטאַנען
מיט גלידער צעקרימטע,
איר גיט מער קיין פּרוכט ניט —
לאָזט אַנדערע געבן!
די יונגע איילבירטן, די גרינע
מיט באַלאָדענע צווײַגן
בייגן קעפּ
איינער צום צווייטן
ווי פֿרעגן זיי וואָלטן זיך פֿרעגן:
אַזוי זעט אויס דער סוף?...
נאָר דאָס ייִנגל
וואָס זיצט אויפֿן טראַקטאָר
אים קלעמט דאָס האַרץ און צוויקט:
ווי אויף מענטשן אויף אייגענע נאָענטע
ער באַדויערט און ער קוקט
און אַ טרער לאָזט זיך פּאַמעלעך
אַראָפּ אויף זײַן באַק.

ניס־ביימער

שטייען דאָ די ניס־ביימער
פּאַראומערטע און הויל,
אַ קעלט האָט זיי אַרומגענומען,
זיי ציטערן, אַ גרויל!

ניט לאַנג געווען גרין באַפּוצט
מיט ניסלעך פולע זשמעניעס
און שאָטן אַלעמען געגעבן זיי
בעת די זון האָט שטאַרק געברענט.
איצט ליגן זייערע ניס,
אָנגעפּילט אין זעק,
אויף די גרויסע ניס־ביימער
פאַלט אָן אַ טיפע שרעק.

פאַרלאָזן האָבן די ניסלעך זיי,
די בלעטער — שוין אויך אַוועק,
זיי שטייען הויל און נאַקעט איצט
בלויז אומעט ציט אין וועג.

צווישן דינע צווײַגן דאָ
יאָמערט נאָר אַ ווינט,
און כמורנע הימלען שיקן צו,
אַ קאַלטן שטראָם אַצינד.

ציִען פויסט זיי ביימער־הענט
צום דאָרף און צו דעם דרויסן,
די הימלען הויכע בעטן זיי:
פון ווינטער היט אונדז אויסעט.

דער פּיקוס

נאָכן רעגן
ווען די פּרוכטביימער
שטייען נאַקעט,
הויל,
שײַנען די פּיקוסן
מיט טיפקייט גרינער,
שפּיגלען אָפּ די וואַסערטראָפּנס
און עס זילבערן אין זון
די גרינע בלעטער זייערע.
מיט פרייד שטייט דער פּיקוס דאַן
און שמייכלט צום מענטש:
איך צאָל,
איך צאָל דיר
מיט מײַן טיפן שאָטן אין זומער,
מיט מײַן זילבער־שײַן אין ווינטער,
פאַר דײַן מי
זי זאָל ניט גיין פאַרלאָרן.
זי זאָל ניט גיין פאַרלאָרן.

אין אַ רעגן־טאָג

אַ פרישער רעגן,
אַ פרישער,
קלאַפּט אין פענצטער:
„קום אַרויס, קום אַרויס״!
ער קלאַפּט אָן אויפהער,
רופט און רופט
צו זיך אין גאַס.
נעם איך מיר אויפן קאָפּ אַ טיכל
לויף און לויף
צווישן סעדער,
שעפּ די לופט אין זיך אַרײַן
און טראָפּנס פאַלן אויף מײַן פּנים.
שטעל איך אויס
צוויי הייסע ליפּן,
לעק די טראָפּנס, לעק און לעק,
ביז די וואָלקנס ציִען אַוועק
און קער מיך אום אַהיים.

פעליקאַנען

ס'אַ טאָג פון בלויע הימלען,
אַ טאָג פון זונענשטראַלן מילדע,
פון ווײַטן קומט צופליִען
אַ לאַנגע, לאַנגע שנור
פון פערל זילבער־ווײַסע
און טוט פון הימל אַראָפּפאַלן.
אין סאַזשעלקע דאָס וואַסער
בלוי פון הימל־בלויקייט,
שפּיגלט זיך די שנור.
אין טיפן בלויען וואַסער,
באַצירט מיט גאָלדן־שטראַלן
צעציטערן די פיש
פון די פערל וואָס איצט פאַלן.
„ס'איז דער טויט געקומען" —
שושקען שטום די אַלטע.
„דאָס זענען ניט קיין פערל,
דאָס זענען פעליקאַנען" —
געסט וואָס אונדז באַזוכן
פון לענדער ווײַסע, קאַלטע.
די יונגע פישלעך
רופן שטום און פליעסקען:
„ווי גוט איז דעם טויט געפינען
פון אַ הימליש פערל שנירל,
ניט פון נעץ דעם ברייטן
וואָס דריקט אונדז צוזאַמען,
און ניט פון בייזע הענט פון פישער.

„דער טויט איז דאָך דער זעלבער" —
ענטפערן שטום די אַלטע,
דאָס זענען נאָר די דרכים
פון מלאכס פינגער קאַלטע
וואָס לאָזן אונדז נאָר האָפן
ביז לעצטן אָטעם.

דרײַ פעלדזן

אַ פעלדז, אַ פּאַרליבטער,
נייגט זײַן קאָפּ צו אַ צווייטן,
איז זיך מצרף אַ דריטער.
דרײַ פעלדזן צוזאַמען —
אַ טויער אין די בערג
פון גלבוע.

אונטן — אַ וואַדי, אַן אויסוועג
פאַרן פליסנדיקן וואַסער פון רעגנס,
פאַר בלומען — ווינטער און פרילינג
און פאַר דערנער אין זומער.

אין זוניקע טעג
נאָך קעלטן, ווינטן און רעגן,
ווי גוט איז צו וואַרעמען דעם רוקן
בײַם טויער פון די פעלדזן.
ווי גוט איז צו היטן די דינינקע רקפות
די ווינטער־בלום,
וואָס טוליעט זיך אַ בלאַסע
צו די קאַלטע פעלדזן.

די רויטע מאָן־בלומען
ווינקען שטאָלצע צו דעם גייער:
„מיר זענען דאָ!"
מיר, דער אָנזאָג פון פרילינג.
נאָר די גראָע פעלדזן, די דרײַ, ווייסן אַז
די צײַט לויפט אַוועק מיט די בלומען
נאָר זיי, די וועכטער,
זיי בלײַבן דאָ שטענדיק —
דער טויער פונעם באַרג.

די טויב און די הון

אַ ווײַסע הון אין הינערשטײַג
שטייט,
פּיקט די קערנדלעך רויִק
קוואָקעט זיך צו —
זי לייגט אַן איי.
צופרידן איז זי שטאַרק פון זיך:
איר איי וועט עסן דער באַלעבאָס...
און פּלוצלינג,
מיט פליגעלעך צעלאָזענע,
קומט אָן אַ ווײַסע טויב,
זי גיט אַ פּיק
מיט איר קליינעם דינעם שנאָבל.
געכאַפּט זי האָט אַ קערנדל, און —
אַוועקגעפלויגן.
„עס קומט מיר" — זאָגט זי צו זיך.
אַמאָל האָט איר באָבע געבראַכט
אין שנעבעלע אַ גרינעם בלאַט
נאָכן מבול
און באַפרײַט נחן
פון דער תּבֿה.
און איצט איז זי דאָך אַ סימבאָל:
מען מאָלט זי און באַוווּנדערט
דעם צייכן פון פרײַהייט...

זיצט זי אויפן דאַך
פאַרבייגט דאָס קעפּעלע
און טראַכט: —
געזען אַמאָל אַזאַ זאַך,
אַזוי פיל ווײַסע הינדעלעך,
אויך הענער דאָ אַ סך,
נעמען אָן די שקלאַפערײַ
ווי נאַטירלעך,
שטענדיק פאַרמאַכט צו זײַן אין שטײַג,
זיי שטרײַקן ניט,
ניט בונטעווען זיך
מיט דאַנק פּיקן זיי די קערנדלעך
און לייגן נאָך צו אַן איי.
וואָס קאָן מען זאָגן אויף זיי?

פרילינג

די פייגל האָבן די ערשטע דערפילט,
די פייגל זענען די ערשטע געפלויגן
געכאַפּט די צווייַגן, פאַרכאַפּט,
אַ מלחמה געפירט פאַר אָרט אונטערן הימל.

די דזעקאָראַנדע האָט צעגאָסן איר בלויקייט.
ערשט נאָר־וואָס גרין געווען,
איצט — הויל די צווייַגן,
נאָר זשמעניעס בלויקייט
וואָס דער ווינט לייגט אויס —
אַ בלויער טעפּיך צו אונדזערע פיס.

איך זוך די געדאַנקען —
די פליגל מייַנע,
זיי זאָלן נעמען מיך
הויך צו די צווייַגן,
דאָרטן טונקען זיך
טיף, טיף,
און זייַן צוזאַמען מיט זיך,
מיט מייַנע געדאַנקען
אינעם זוניקן בלוי.

וואַדי ערה

עס האָבן צעבליט זיך גאָר פרי
די ביימער,
זיי שטייען אינמיטן ווינטער
אין ווייַסן געקליידט, פאַרצירט.
אין די אָוונטן
פאַראייניקן זיך הימל מיט ערד,
די לויכטנדיקע שטערן פון אויבן,
באַלויכטענע פענצטער פון די בערג אַרום
און אויטאָס וואָס יאָגן, אײַלן,
באַשייַנען דעם שוואַרצן אַספאַלט.

אַ, ווי עס האָט זיך פאַרענדערט
די וואַדי און די הויכע בערג —
אירע ווענט.
בלויז איינע, אַ זכר אַן אַלטער
פון פאַרגאַנגענע יאָרן
שטייט אין דער זייַט: —
אַ חושה, אַן פענצטער,
אַן אַלטע לעפּיאַנקע
וווּ מענטשן מיט קי' און מיט הינער
האָבן געגעסן צוזאַמען, געשלאָפן,
בלויז זי שטייט ווי אַ זכר
פון צייַטן, פון טאַבאַק־פּלאַנטאַציעס,
פרויען, אין שוואַרצן געקליידט,
און קינדערלעך קליינע
געריסן און געטריקנט האָבן דעם טאַבאַק.

און איצטער,
הײַזער באַדעקטע מיט פּלאַסטיק,
ווו אַרום וואַקסן אוגערקעס גרינע
און רויטע טרוסקאַווקעס...
און אַז אַלץ האָט זיך געביטן
האָט זיך אויך געביטן דער בליק
צום גאַסט, צום הלך אין וועג.
ניט מילדקייט, נאָר שאַרפע שטילעטען
פון שנאה פון גרינער
אין דער געגנט וואַדי ערה.

אַ טאָג אַ זהייסער

דער הימל קוקט
מיט בליקן הייסע,
בייזע,
געלע.
דער פײַפנדיקער ווינט
צעשויבערט די בלעטער
פון אַנטקעגנדיקן בוים.
אַ פערד איז גײַנאַכט
פון שטאַל אַנטלאָפן,
מיט שווערע פּיס צעטראָטן
דאָס בייטעלע מיט בלומען
אין מײַן גאָרטן.
שטייט עס איצט אָרעם,
געל.

אַ פענצטער עפנט זיך האַסטיק
אויפן צווייטן שטאָק.
אַ שויב האָט זיך צעבראָכן,
קלינגט גרילצנדיק.
אינמיטן וועג
באַלעקט זיך רויִק, זאָרגלאָז
דעם שכנס
שוואַרצע
קאַץ.

זאַנגען

זיי וואַקסן אין פעלד,
אין בייטן לאַנגע,
הויך, שלאַנק.
פאַרפוצן זיך מיט קרוינען
פון קאָרן, פון ווייץ, פון גערשטן.
„זאָלן דאָרף־מענטשן האָבן ברויט", —
האָט אַ זאַנג אַ יונגע
דער צווייטער שטיל פאַרטרויט.
זיי וואַקסן הויך,
בייגן שווערע קעפּ,
ביז ס׳קומט די מאַשין
און רײַסט די קרוין אַראָפּ.
שפּעטער רײַסט דער פּויער
די זאַנג, דאָס שטרוי פון דר׳ערד —
זאָל עס זײַן ברויט
פאַר קי און פאַר פערד.
אין די ווינטער־טעג,
אין קעלט, ווען רעגן גיסט,
באַקומען קי די שטרוי
אונטער די פיס.
ליגן דאָ די שטרויעלעך
דערנידעריקטע און בלאַס,
קלאָגט זיך איינס
אַ קלייניקס, פאַרטראַכט:
„צו וואָס די עלטער
האָט אונדז דאָ געבראַכט"...

פאַרנאַכט

דער טאָג פאַרגייט.
דער באַרג שוין מיד איז.
ווי אײַנגעהילט אין קיטל
שטייט ער פאַרנעפּלט אין דעמער: —
אַ גוטע נאַכט!

וואַך עס שטייט
אַן איינציקער בוים
אויפן שפּיץ פון באַרג.
ער ציטערט,
שפּרייט אויס די צווײַגן־הענט,
און בענטשט דעם טאָל: —
אַ גוטע נאַכט!

די לבנה שײַנט.
זי היט דעם היטער.
אַ בוים וויל ליכט,
אַ בוים וויל זון,
טרינקט ער בײַנאַכט
דעם קאַלטן טוי.
און אַ יונגער בוים
מיט קודריאַווען קאָפּ
געוואַשן שוין די הענט אין טוי
בענטשט דעם טאָל:
לילה טוב!
און בענטשט די גוטע הענט
וואָס האָבן צו זײַנע פיס
דעם שיינעם טאָל געלייגט.

אין אַ טונקעלער נאַכט

דער הימל צעשטערנט.
טויזנטער איידלשטיינער לײַכטן.
עס דאַכט זיך: זיי שטייען אויף איין אָרט,
רירן זיך ניט קיין מאָל.

פלוצלינג פון ערגעץ גאָר ווײַט
אַ קלייניניקער שטערן, אַ קאָמעט,
אַנטלויפט, לאָזט נאָך זיך
אַ לאַנגן שלעפּ ליכט.

„לאָמיר גיין אונדזער וועג" —
זאָגט אַ פאַרליבטע.
„אויך אַ שטערן איז אַרויס אין זײַן וועג".

„ניט אונדזער שטערן איז געפאַלן" —
זאָגן זעלנער איינער צום צווייטן
אײַנגעגראָבענע אויפן פראָנט.
שטיל, שטום קלאַפט אַ האַרץ
אין דער ווײַט,
בײַ אַ מאַמען.

עס האָט אַ שטערן געביטן זײַן וועג
אין אַ טונקעלער נאַכט.

דער סאָלאָוויי

בײַ מיר אין גאָרטן
הויך אויף אַ צווײַג
שטייט אַ קליינער סאָלאָוויי.
ער טרילערט טאָג־אײַן,
ער טרילערט טאָג־אויס
מיט אַ קול אַזאַ דינעם
די זמירות.
מיר דאַכט זיך
אַז יעדעס מאָל דאָס זעלבע ליד,
דער זעלבער ניגון,
נאָר איינמאָל הער איך זיך אײַן
ווי ער טענה'עט צו מיר און ער זאָגט:
„אָט רעדסטו פּאַמעלעך,
אָט רעדסטו גיך,
און די וועלט איז אַזוי שיין,
דער הימל — אַזוי בלוי
טאָ זינג אַ ליד ווי איך".
ענטפער איך אים באַלד,
ענטפער איך אים גיך:
„דו מיינסט אַז די וועלט
איז תמיד אַזוי שיין, אַזוי פײַן,
קוק זיך צו
ווי עס דעקן צו
וואָלקנס שוואַרצע
ערד און זון.
„יאָ, איך ווייס —

ענטפערט דער סאָלאָוויי מיט געזאַנג,
— איך קען אויך זיי,
די רויבער מיט די נעגל,
נאָר דאַן האָב איך שוין אַן אַנדער ליד,
דאָס ליד פון פּײַן,
דאָס ליד פון ווײ.
נאָר דיר, מענטש, דאַכט זיך
אַז אַלץ איז איינס
בײַם קליינעם סאָלאָוויי.

באַוול־פעלדער

די גרויסע מאַשין
אַקערט די ערד,
שנײַדט אויס די בייט, —
זי זייט.
גרינט שוין דאָס פעלד
פון היץ און פון וואַסער,
פון טוי פון דעם נאַסן
און עס וואַקסט דער באַוול
דער ווײַסער.
נאָר אין איינעם אַ טאָג
קריגט דאָס פעלד קאָלירן, —
דאָס יעטן דאָ פויערים
און רייניקן די בייטן פון באַוול.
און טעג לויפן,
און פעלד־אַרבעטער האָפן.
די פעלדער בליִען אין געל.
און ווידער זיך בײַטן די קאָלירן:
זיי זענען שוין ווײַס.
קומען ווידער מאַשינען
פליקן דאָס געוויקס
דריקן עס צוזאַמען,
דעם באַוול דעם ווײַסן
מיט מענטשנס שווייס.
און אַז דו קומסט פון שטאָט,
און עס דוכט דיר: געביידעס אָן אַ סוף.
באַזוכסט די פעלדער די ווײַטע,
זײַ וויסן דאָס איז ניט קיין ישוב,
נאָר באַוול פון שכנישן דאָרף.

אַן אויפשטאַנד

צווישן פלויטן פאַרצאַמט
זיי קוקן מיט קײַלעכדיקע אויגן.
זיי עסן און קײַען־איבער,
וואַרטן אויף ווער
וואָס וועט זיי באַפרײַען
פון שווערע אײַטערס פולע מיט מילך.
פּלוצעם איז אַ קו, אַ יונגער,
פאַרמיאוסט געוואָרן דאָס שטענדיקע שטיין
צווישן פלויט פאַרצאַמט,
און האָט איר עק אויפגעהויבן.
זי לויפט צווישן די אײַזערנע שטאַנגען
און נאָך איר — אַ צווייטע, אַ דריטע,
אָט לויפן שוין אַלע הין און צוריק,
אָן צוועק, אָן געדאַנק,
מיט קײַלעכדיקן בליק.
שטיי איך און שטוין, שטיי איך און טראַכט:
אפשר איז דאָס אַן אויפשטאַנד פון קי,
אַ בענקשאַפט נאָך פעלד,
נאָך פאַשע גרינער,
אַ שטומער אויפשטאַנד פון שקלאַפן —
קי מיט אומעטיקע בליקן? —

אין בלעטערפֿאַל

שטייט אַ בוים אַזוי פֿאַרצאָרנט:
דעם גאַנצן זומער דאָ געשטאַנען,
געבאַקט זיך און געהיצט,
מיט די גרינע בלעטער.
די פּרוכט געפּלעגט, געשיצט,
קוים דערלעבט דעם קילן ווינט
האָט ער זיך פֿאַרפּוצט און פֿאַרשיינט,
געפֿאַרבט די בלעטער מיינע —
אַ טייל געל, אַ טייל גאָלד,
מיינע גרויסע לאָקן־צווייגן
אויסגעלופטערט.
נאָר פּלוצעם פֿאַלט אַ שוואַכקייט אָן דעם בוים,
די בלעטער זיינע פֿאַלן,
פֿאַלן
און עס שטייט דער הויכער בוים שוין
הויל, נאַקעט און פֿאַרוויינט.
ליגן בלעטער ביי זיין פּוס
און פֿייגל פֿליִען ווייט אַוועק,
פֿאַלט אַן אומעט אָן דעם בוים:
ווינטער קומט,
ווינטער קומט!

צוויי טויבן וואָרקעז

אַן אַלטע שאַרע טויב
זיצט און וואָרקעט אויפֿן דאַך: —
די יונגע טויבן פֿליִען ווײַט,
און זי, — אַוועק איז שוין איר צײַט...
זי וואָרקעט שטיל,
זי וואָרקעט הויך ביז
עס קומט אַ צווייטע צו און שטראָפֿט איר: —
נאָך וואָס זיצן דאָ אָן אַ צוועק?
הייבן זיי אויף די אַלטע פֿליגל
און לאָזן זיך אין וועג.
ניט צו ווײַט פֿליִען — טענהט איינע,
איך קאָן מער ניט.
עס דאַכט מיר
מײַן וואָרקען הײַנט
איז גאָר מײַן לעצט ליד.
אָט איז אַ גאַנעק.
שטיל איז דאָרט.
אויף צו רוען
דאָס בעסטע אָרט,
ס'איז דאָ אַ טיר
און הינטער איר —
אַ צווייטע.
דאָרט זיצט
די איינע מיטן שאַרע קאָפּ
און די צווייטע — אַ ווײַסע טויב.
אַ פֿרייד אין שטוב איז.

מיט „ליב די געסט"
מען טײלט זיך מיט די קרישקעלעך:
טײַבעלעך איר, נאָר עסט,
נאָר וואָרקעט אונדז בײַ אונדזער פענצטער.
זאָל זײַן פרײלעך אין אונדזער הויז,
ווײַל קײנער עפנט ניט די טיר
ווו ס'וווינען אַלטע בלויז.

האַרבסט אין דאָרף

ווען פעלדער פון באַוול
האָב איך נאָך פון ביכער געוווסט.
נאָר איצט שטייען תּמיד פאַר מײַנע אויגן
די אַרבעטער אין פעלד
וואָס רײַסן דעם ווײַסן. דעם ווייכן באַוול.

מיד איז דער רוקן,
מיד אין די אויגן
פון זון און פון באַוול דעם ווײַסן.
מיד.

איך גיי איצטער אין פעלד
אין פרילינג זענען די פעלדער דאָ גרין,
גרין די בלעטער, גרין דאָס גראָז.
נאָר ווי פּראַכטיק זענען די פעלדער אין ווײַסן.

קומען מאַשינען מיט אײַזערנע פינגער
זיי צופּן און מאַכן פון אַלעם אַ תּל.
זיי דריקן צוזאַמען דעם באַוול,
די פעלדער בלײַבן פּוסט.
נאָר פלוצלינג וואַקסן אויס הייזער,
בלינדע, אָן פענצטער, אַ שטעטל אַ גאַנצס,
דאָס איז דער באַוול געפּרעסט
דורך דער גרויסער מאַשין.
טריקנט זיך דער קאָטאָן
אין פּלאַסטישן קלייד
ווי אין תּכריכים אַ מת.
און בלינד, אָן הנאה,
ליגט ער אין פעלד
אײַנגעהילט אין תּכריכים
געענדיקט זײַן געראַנגל פאַרן לעבן.

כמאַרעס

הונדערטער פֿליגל רוישן,
דער הימל — בלוי און פֿאַררויטלט
פֿאַרדעקט זיך מיט אַ שוואַרצער כמאַרע.
פֿייגל פֿליִען צו זייער צווייטער היים.
ווײַט אין צפֿון שמעקט מיט אָסיען.
פֿייגל אויף די ביימער,
פֿייגל אין די גראָזן
פּיקן די זוימען
כאַפּן אָפּ דאָס האַרץ: —
גוט זענען די קערנער,
געשמאַק איז דאָס וואַסער.
אַ האַווען, אַ שטופּערײַ,
אַ פֿליגל־געפּילדער:
זיי גרייטן זיך צום ווײַטערן וועג.

און אָט אַ מאַרש אַ טרויעריקער, אַ שטומער —
הונדערטער פּיס ציִען מיט אומעט,
זיי פֿירן אַ מענטש צו לעצטער רו.
„ער האָט פֿליגל געהאַט.
זײַן גײַסט האָט זיך צום הימל געריסן
שטערן צו כאַפּן,
זון און לבנה אין פֿויסטן שוואַכע אַרײַנצונעמען,
לידער צו זינגען,
פֿירן אים איצטער חברים
מיט קעפּ געבויגענע
צו אייביקער רו.
פֿייגל הייבן די פֿליגל
פֿליִען ווײַט, ווײַט אַרײַן אין די כמאַרעס.

רעגן

— צו יהודה לביא

אַן אָסיען־רעגן
אַ דינער, אַ קורצער,
וואַשט די לופט און די ערד,
שטייען ביימער מיט קעפּ געצוואָגענע,
שטייען און וואַרעמען די געשווענקטע גלידער:
אָ, ווי גוט זיך צו וואַרעמען
נאָכן רעגן,
ווי גוט.
ווי ערשט פון מקוה אַרויס
מיט פּיאות נאַסע —
מיט צווייַגן יונגע, געדרייטע
שטייען די ביימער נאָכן רעגן.
אַ הויכער בוים, אַ תּלמיד חכם,
שאָקלט זיך, גלייַך ער דאַוונט
אײַלט זיך ווי צום לערנען.
אַ צעקרומטער בוים, אַ געבויגענער.
זייַן באָרד אַ נאַסע פון האַרבסטיקן גאָס
ער שעפּטשעט זייַנע תּפילות
און מישט די שטומע בלעטער:
דער שבת קומט, ס'איז גשם בעתּו —
אין גוטער צייַט אין ריכטיקער
איז געקומען דער רעגן.

דרײַ ברידער

דרײַ ברידער פלינקע, ווילדע,
אין בערג צווישן פעלזן געבאָרן.
דרײַ טײַכן.
פליסט ברויזיק דער וזצבני
טיף
צווישן פעלדזן אַ וועג זיך געמאַכט
צו דער ליבער כנרת.
בייזערט זיך שטאַרק
דער האַסטיקער באַניאַס,
שוים אויף די ליפּן פון כּעס.
ער רוישט און שפּרינגט פון די פעלדזן:
„אָ, גאָט, שטאַרקער פּאַניאַס,
אָ, פּאַון ווילדער, פרעכער,
ווהין שיקסטו אין וועג מיך?
דאָ בין איך געבאָרן,
דאָ איז מײַן היים,
ליב האָב איך דעם שוואַרצן גראַניט!"
רוישט ער און שטורעמט דער באַניאַס.
נאָר ניט צו ווערן אַ סטרונע
פון פידל כנרת.
מיט וואַסערלעך פיל צעצווײַגט
פליסט דער שטילער דן.
די פעלדער באַגיסן,
טרינקען געבן די ביימער,
באַגרינען די ברעגן
און שפּילן צוזאַמען מיט דער מאַמע כנרת
אויף אַלע סטרונעס פון איר פידל,
און אַלע דרײַ זענען ברידער.

דער אַסי אין רעגן

עס האָט זיך צעשפּיגלט
דער בלאָ־גראָער וואָלקן
אינעם וואַסער פון אַסי
און פאַרפינצטערט דאָס ליכטיקע פּנים
פון טײַך.
דער וואָלקן ט'זיך געשפּילט מיטן וואַסער
ווי אין ברוגז
און קאַלטע ליפּן האָבן זיך דערנענטערט
וואָס גיכער צו געבן אַ קוש...
נאָר אַ ציטער כאַפּט אָן דעם טײַכל
און עס קנייטשט זיך און עס ציטערט —
צעוויינט זיך דער וואָלקן
און אַ לויטערע טרער פאַלט פון די הייכן
און דאָס טײַכל מיט הענט לאַנגע, שמאָלע,
נעמט אויף די טרערן
וואָס ווערן לויטער מיט אַ מאָל
און קוקט מיט פרייד צו די איינציקע שטראַלן
וואָס לײַטערן און לויכטן.
פליסט זיך ווײַטער דער אַסי
צופרידן
און געזעגנט זיך מיטן בלאָ־גראָען וואָלקן.

דער האָגל

אַ היץ, אַ קלעפּיקע,
אַ מידקייט באַפאַלט אַלץ און אַלעמען
בלויז די זון היצט און ברענט.
עס אָטעמט איצט דער מענטש
קוים, קוים
צווישן צעהיצטע ווענט.
מידע ביימער
ציִען אויס זייערע גרינע הענט
און בעטן:
„גיט אונדז, אָ, הימלען
אַ טראָפּן, אַ זיסן,
אַ נישט־געזאַלצענעם —
אַ רעגן.
די הימלען זענען פאַרצאָרנט
אויף דער ברענענדיקער זון,
פאַרקליידן זיך אין שוואַרצן
און שיקן צו דער ערד —
אַ האָגל.
דער האָגל שמײַסט
גאָרטן און פעלד.
בייגן די ביימער זייערע קעפּ — קרוינען
און עס זענען צושלאָגן שוין די זאַנגען.
דאָרפסלײַט זענען דערשלאָגן און שטוינען:
זייער אַרבעט פון טעג, פון וואָכן
מיט איינמאָל געגאַנגען איז פאַרלוירן.
און די אויגן טרערן,
און זיי טענהען צום הימל —
פ אַ ר ו ו אָ ס ?

אַ ווינטער־טאָג

ס'איז שבת.
מען רוט.
דער קיבוץ שלאָפט.
די בלומען אויפן באַרג דרעמלען אין בלי.
ס'איז געל דער בלי פון כריין.
פון ווײַטנס דו זעסט
ירושלים איז געהילט אין ווײַס —
עס פאַלט דאָרט אַ שניי.
און בײַ אונדז איז פראָסטיק און שיין.
איך שטיי אויף גאָר פרי און באַוווּנדער
ווי אַלץ אַרום רוט.
דער פראָסט דערפרייט זיך מיט מיר:
ער באַפאַלט מיך,
נעמט מיר אַרום,
קנײַפּט אויס מײַנע באַקן,
וויל אַ ליבע מיט מיר פירן.
רוימט מיר אײַן אין אויער אַ סוד אַ ליבן:
לאָז מיך דיך אַרומנעמען
ביז די זון שײַנט אויף און —
איך רויטל זיך.
ווי אין די יאָרן יונגע,
ניט ליבן זיך פאַר פרעמדע אויגן, איז מײַן נאַטור.
ניט מיט ווינט,
ניט מיט פראָסט.
זוך איך אַ שטראַל וואָס זאָל קומען פון אויבן
און מיך דערוואַרעמען
אין ווינטערדיקן שבת.

צפון־געסט

פייגעלעך קליינע,
אין טשאַטעס גרויסע,
אין וואָלקנס שווערע,
קומען זיך צוזאַמען
אויסצורוען
פאַר ווײַטערדיקן וועג.
„מיר זענען דורשטיק" —
רופן אויס די יונגע.
דער שאַרפער בליק פון די געניטע
זוכט און קוקט אויס
אַ בלויקייט וואָס זאָגט אָן: —
דאָ איז וואַסער!

פילן אָן רערן
אונדזער קליינע סאַזשלקע.
און דאָס וואַסער פליסט האַסטיק,
נאָר פלוצלינג גיסט די סאַזשלקע זיך איבער,
דאָס וואַסער מאַכט וועגעלעך קליינע
טײַכעלעך שמאָלע, ווי בכיוון פאַר די געסט.
לאָזן זיי זיך
אַראָפּ פון אויבן
פליאַסקען מיט די שנעבעלעך,
נעצן די מידע פליגעלעך
און צוויטשערן מיט נצחון:
„באַקעמפּט דעם ווײַטן וועג,
צווישן היימען צוויי,
געבליבן לעבן — אַ דאַנק דעם וואַסער!"
צווישן היימען צוויי.

אונדזער שטייגער

פרײַנדשאַפט

דו גייסט דײַן וועג,
ער גייט דיר אַנטקעגן.
זײַן וועג — אַ שמאָלע סטעזשקע,
צוויי פרעמדע פון זעלבן הויף
דו ווייסט:
ער אַכט דיך.
ער שאַצט דיך.
און ווער ווייסט מיט וואָס נאָך
אַ האַרץ פון אַ פרעמדן
איז פול.
דו האָסט פאַר אים דרך־ארץ
דו שאַצסט אים און פאַרשטייסט אים.
טאָ וואַג זשע,
קום צו הילף אים
אין זײַנע שווערע טעג.
עס וועט זיך וועבן,
עס וועט זיך שפּינען
אַ פאָדעם פון פרײַנדשאַפט.
דערפאַר שאַץ עס אָפּ,
דעריבער היט עס אָפּ
עס פאַרשײַנט אויך און צעליכטיקט
דײַן טאָג.

חברטעס

איך האָב חברטעס אַ סך,
מיט איינער פריי איך זיך,
מיט דער צווייטער קריג איך זיך,
מיט אַ דריטער טייל איך זיך אין וויי,
נאָר איינע —
זי גייט פאַרבײַ,
זי זעט מיך ניט,
ווי זי וואָלט מיך ניט געקענט.
און דאָך זענען אַלע מיר חברטעס
אין פרייד און אין וויי,
אַלע —
חברטעס מײַנע.

אונדזער שטייגער

עס קריגן זיך צוויי חברטעס
צוויי בעסטע פרײַנד,
זיי זידלען ניט,
זיי שילטן ניט,
נאָר איינע זאָגט דער צווייטער: —
„איך קען דיך גוט"...
זי דרייט זיך אויס
און גייט אַוועק.
זיי האָבן זעכציק יאָר געלעבט
אין פרייד און אין ליידן
און איצט איין וואָרט בלויז —
„איך קען דיך גוט"
און זי האָט אַלץ געזאָגט.

יאָרן גייען אַוועק,
איינע געזעגנט זיך
אויף קיינמאָל מער ניט צוריקצוקומען,
און שטאָט אַ וואָרט פון אָפּשאַץ און באַדויער
הערסטו: —
„איך קען זי ניט,
איך ווייס זי ניט,
ניט אין דער זעלבער שטאָט געבוירן"...
פרעגט אַ דריטע:
וווּ זענען זיי
די פאַרגאַנגענע, שותּפותדיקע יאָרן?

די אויגן — שפּיגלען

די אויגן —
שפּיגלען פון דײַן האַרץ,
זיי ברענגען דיר
די בילדער וועלכע דו
פאַראייביקסט אין זיך.

געזען האָט דײַן אויג
פאָטאָגראַפירט האָט דײַן אויג
די וועלדער
וואָס טונקלען אין האָריזאָנט.
אָפּגעשפּיגלט
צום האַרצן געשיקט,
דו היטסט זיי דאָרט די אוצרות —
זכרונות אויף שפּעטערע טעג.

געזען האָבן אויגן
פּרדסים, פעלדער, בערג, טאָלן
אַלץ פאַרשריבן, אַלץ באַהאַלטן.
און אַז דײַן בליק געוואָרן איז קירצער
דו קוקסט שוין ניט ווײַט,
דעמלט זעסטו דעם נאָענטן הויף,
די חברים פון אַרום,
אין מי פון טאָג,
אין פּײַן פון נאַכט
און די בליקן ווערן פרײַנדלעכע
פון שמחה און פון וויי.

דײַנע אויגן — דער שפּיגל,
דײַן האַרץ — דער פאָנאַר
וואָס שיקט ליכט און פרײַנדשאַפט
אַרויס. אַרום.

אַ וואַנט

אַ קינסטלער־האַנט
האָט אַ וואַנט אויפגעשטעלט
פון ליים און פון וואַסער,
אַ וואַלד אויסגעקנאָטן — אַ סקולפּטור,
און טונקל אים געפאַרבט.
ברענגט דער וואַלד
אין זומערדיקע היצן
דאָס קיל פונעם בוים,
ווינטער, אין רעגנדיקע טעג,
דעם אומעט מיט דער רו
און מיר האָבן ליב אָט די וואַנט.

איך גיי צו דער וואַנט
טאָג־איַין, טאָג־אויס,
איך שיק מיַין בליק
צו די ברייטע שטאַמען,
אפשר וועל איך זען דאָ
מיַין טאַטן
מיַין מאַמען,
בעת ביימער גיבן זיי אַ דאַך,
אַ היים אין שווערע טעג.
איך פאַרמאַך די אויגן און
זע אים באָרוועס
אַליין,
אָן וויַיב,
אָן משפחה,

אין טיפעניש פון וואַלד.
אַליין.

אין זומער־טעג זוכט מײַן בליק
די גרינע פּאָליאַנע צווישן ביימער
דאָרט האָט דער שונא אַ קבר געמאַכט
פאַר מײַן מאַמע און שוועסטער,
פאַר מײַן גרויסער משפּחה,
פאַר געליבטע,
פאַר פרײַנד.

איך שטיי פאַר דער ליימענער וואַנט
וואָס אויפגעשטעלט האָט בײַ אונדז אַ קינסטלער־האַנט,
כ׳שטיי פאַר די טונקעלע ביימער
ווי פאַר דער מזרח־וואַנט
אין שטענדיקער תּפילה.

צום דאָקטער

זי האָט הײַנט פֿאַרשלאָפֿן דאָס גײן צו דער אַרבעט.
וואָס זשע טוט מען?
וואָס וועט זי דערציילן און ווי זיך פֿאַרענטפֿערן?
אַלע קאָכן,
אַלע עסן,
אַלע רייניקן און ראָמען,
ס'איז דאָך ניט קיין נײַס —
בײַ אַלע דאָס זעלבע...
וועט זי גיין צום דאָקטער.
אַ מענטש אַ ליבער,
אַ מענטש מיט אַ גײַסט,
זי וועט רעדן אַ ביסל און זיך אַראָפּרעדן
פֿאַר איר ווייטיק אין אַ זײַט,
פֿאַר איר אויער וואָס שמאַרצט,
פֿאַר איר אויג וואָס טרערט
און — פֿאַר מער. פֿאַר מער און נאָך.
זי טוט זיך דאָרט אויס
דעם מאַנטל, דעם הוט,
די קליידער, און
זי זאָגט, זי דערציילט
און ער הערט,
ער קלאַפּט און ער זוכט
ער קען זי שוין גוט.
עס לויפֿט ניט אַוועק פֿון איר
די קרענק, נאָר די טעג —
זיי לויפֿן און מערן נאָר צרות.

אין אָוונט, אין שטוב
ווי נעכטן אַזוי אויך היַינט,
מען טרעפט זיך מיט פריַינט,
מען רעדט, דיסקוטירט
און
ביַים כּיבוד, ביַי דער טיי,
פרעגט זי אויך זיי
צי ס'איז דאָ עפּעס ניַיס
און עס ווייַזט זיך דאַן אַרויס
אַז אויך אירע פריַינט
האָבן באַזוכט היַינט
דעם דאָקטער...

דער ברוינער הונט

דער ברוינער הונט, דער פעטער,
צעבילט האָט זיך הײַנט אויפן קול.
ער האַווקעט הויך, ער האַווקעט בייז,
ער וויל געבן צוּוויסן
אַז פון אַלע הינט
איז ער דער שטאַרקסטער
און כּוח גיט... גערעכטיקייט,
און דאָס איז ער — דער ברוינער הונט.

געווען איז ער אַ הינטעלע
אַ דרײַסטס, אַ גראַטנס,
מיט דינע שאַרפע צײנדעלעך,
אויך זײַן העזה גאָר ניט קליין.
אין יעדן שווערן קאַמף
געביסן האָט ער פײַן
געגריזשעט און געבילט:
„אַלץ אַרום מיר איז מײַן!"
נאָר אײנמאָל האָבן שוואַרצע הינט
און אויך ווײַסע, טרײַע, רויִקע אויסגערופן:
גענוג געיאָגט זיך סטאַדעסווײַז
גענוג געוואָיעוועט, געבילט,
ס'איז צײַט צוריק אין הויף.
אָבער עס גיט ניט אונטער זיך
דער הונט דער ברוינער
ער האַווקעט הויך, ער האַווקעט בייז:
פאַרגעסט נישט,
„איך בין דער גרויסער,
ברוינער הונט!"

##ביידע ווײַסע

דאָס ווײַסע פערד, דאָס שטאָלצע פערד,
גאַלאָפּירט מיט דינע פיס,
מיטן רײַטער אויפן רוקן.

געיאָגט, דעריאָגט,
אַלע פערד איבערגעיאָגט,
ער, דער ערשטער, דער בעסטער.

דאָס ברוינע פערד פאַרוואַרפט די גריווע.
יאָ, די קנאה ברענט אין זיי.
זיי שטייען אַלע צוזאַמען.
נאָר ער אַליין
אַ ווײַסער, אָן איין פינטעלע,
ער — אַן אַנדערער.
פּלוצלינג אַ גאַסט —
אַן אַלטע באַקאַנטע:
די ווײַסע ציאַפּליע.
אַלע אירע חברים
פון פליִען זענען מיד,
זיי אײַלן זיך אין שטאַל
צו די קי,
צו זייער האָבער,
נאָר זי — די פאַראַיאָריקע פרײַנד
זי וועט ניט פאַרראַטן, —
זי איז דאָ.

ביידע ווײַסע, אײנזאַמע אויפֿן גרינעם גראָז.
איך בין געלאָפֿן,
צום ציל דערלאָפֿן —
באַרימט זיך דאָס פֿערד.
איך בין אין הימלען געפֿלויגן —
ענטפֿערט די קליינע ציאַפּליע.
נאָר דאָס פֿערד פֿאַרשטייט ניט
דאָס שטרעבן צו הייכן
און בלײַבט אַ באַזאַכטער אויף דער לאָנקע —
צו צופּן,
צופּן
גראָז.

די אַלטע מאַשינען

וואָס טוט מען אין דאָרף
מיט די אַלטע מאַשינען,
וואָס טוט מען מיט זיי?
מען פירט זיי דורך הינטערשטע וועגן
צווישן הויף און די פעלדער
וועלכע זיי האָבן געאַקערט,
געזייט און געשניטן —
זיי זאָלן דאָרטן שטיין.
מיט אומעט אין די קרומע גלידער
פון לאַנג־יאָריקער אַרבעט
פאַרזשאַווערט, אָן כבוד
זיי שטייען און וואַרטן.
אויף וועמען?
אויף וואָס?
אין די פאַרטאָגן —
פון רעגן און טוי
זיי גיסן טרערן ברוינע
פון אַלטקייט. פון זשאַווער.
ביז אין איינעם אַ טאָג
עס קומט אַ יאַטו
מיט פענדזל און פאַרב
און פוצט אַ מאַשין
און פירט זי צו זיך
אין זיין בליענדיקן גאָרטן
זי זאָל זיין דאָרט אַ דענקמאָל
פון פראַצע פון שווערער
זי
מיטן אַלטן אַקער פון פעלד.

אַן עלטערע פרוי

אַן עלטערע פרוי איז געשטאָרבן.
געלאָזן נאָך זיך אַ וואַרעמע שטוב.
קומען פרעמדע די ווינונג צו ריכטען,
מיט פינגער מיט פרעמדע זי באַרירן.
זיי זוכן, זיי נישטערן, זיי געפינען:
אַ פעקעלע בריוו פון דער מאַמען
וואָס שרײַבט צו דער טאָכטער
ווען זי האָט איר אין גלות געלאָזן.
אַ פעקעלע בריוו פון אַ בחור
וואָס האָט מיט איר זיך געליבט
און זי האָט אים פאַרלאָזן.
און שפּילעכלעך קליינע
פאַר קינדער וואָס זענען קיינמאָל
בײַ איר נישט געבאָרן
און שיך שוואַרצע, אַלטע מיט בענדלעך
פון אַרבעט אין משך פון יאָרן,
און שיך אויף קנאַפּל אויף הויכע
צו טאַנצן אין די שבת־פאַרנאַכטן,
און קליידלעך,
און מאַנטלען,
און טעפּלעך
און קריגלעך
נישטאָ ווער עס זאָל פון זיי געניסן —
געשטאָרבן אַ פרוי דאָ, אַן אַלטע,
נישט איבערגעלאָזט קיינעם
אַ טרער צו פאַרגיסן.

אין טרויער

— אמנונען לזכר

די לעצטע שטראַלן באַגיסן דעם באַרג.
ער רויטלט זיך שטיל און פאַרשעמט.
די סאָסנעס ציטערן, זיי טרייסלען די בערד
און מורמלען אין ווינט.
מיט שטיינערנע הענט האָט דער באַרג
איַינגעוויקלט אַ קערפּער, אַ יונגן,
צום האַרץ צוגעדריקט, צו זיך, צו זיך
און אויף אייביק פאַרוויגט.
ציטערן די ביימער פון טרויעריקן עכאָ
פון די ביקסן־סאַליוטן.
דאָס האָבן זיי איצט פאַרחתמעט
די ליבע, די גרויסע,
פון יונגן זעלנער צום אַלטן באַרג —
צום גלבע.

די שטראַלן פאַרשעמטע פאַרגייען צום ים
עס בלייַבט נאָר דער טרויער
און דער באַרג.

די בכורה

איך האָב די בכורה ניט געזוכט,
ניט געקאָכט קיין טאָפּ מיט לינדזן,
ניט אויסגעכאַפּט בײַ קײנעם די ברכות.
געוואָלט שטענדיק זײַן די צווייטע,
וויסן מיט שמחה אַז ס'איז דאָ אַן ערשטע,
ס'איז דאָ ווער מיט אַ וואַרעמער האַנט
וואָס קאָן נעמען מײַן האַנט
און מיך פירן אין צײַטן שווערע.
אָבער די בכורה אַליין געקומען איז צו מיר.
איך האָב זי געוווּנען מיט פּײַן
אין די בערג פון ירושלים
בעת געשטאַנען כ'בין מיטן קאָפּ געבויגן
אָרעם מיט האָפענונג, מיט טרערן אין די אויגן
און געוואַרט אויף דער שעה פון דערלייזונג.
דעמלט האָב איך אָן שמחה זי באַקומען
זי — וואָס כ'האָב קיין מאָל נישט געזוכט.

דער מלך

דער הערשער, דער שטאָלצער
פון ברייטן שאָסיי
איז ער געווען.
משׂאות געשלעפּט
געפּיפּקעט מיט גאוה,
טרומייטערט,
אַ רויך געשיקט
אַ שוואַרצן, געדיכטן.

דו ביסט אים פון וועג אָפּגעטרעטן
און ער, אָן דאַנק,
אַפילו קיין בליק דיר ניט געשיקט.

באַלאָדן מיט פּרוכט,
מיט טראָמישע הײַזער
געמאַכט האָט זײַן וועג.
געדינט ווי אַ שקלאַף
און ווי אַ מלך זיך געפירט,
דער אויטאָ, דער גרויסער.
און ווי אַ מענטש, אַ בשר ודם
אין איינעם אַ טאָג אויסגעגאַנגען.

ער ליגט אַ צעקוועטשטער, אַ דערדריקטער
די אויגן, — לאַמטערנעס פאַרלאָרן אין קאַמף,
די ספּרוזשינעס צעבראָכן,
עס העלפט אים נישט קיינער. קיינער.

נאָר אַ מאָל קומט אַ קינד
וואָס בענקט נאָך אַ רול
און שוין איז ער אויבן,
דרייט דעם צעבראָכענעם רול,
רופט און טרומייטערט,
עס דאַכט
ער וועקט די אַלטע מאַשין
דערמאָנט איר דאָס חיות פון אַמאָל
און דער אויטאָ בלײַבט ווידער
אויפן אײַזנברוך פלאַץ ליגן
פאַרזשאַווערט
אָן חיות, אָן נוץ.

אַ ציבעלע

שטײנבאַרגיש.
געווידמעט: ד״ר בר־אל

אײַנגעקויפט האָט חנה־דבורה
אויף שבת, חלה און ברויט,
פיש, פלייש, מערן, ציבעלעס
און אַ קעפּל קרויט.
פלײַסן זיך די פרישע פיש:
די ערשטע גייען מיר צום טיש!
זאָגט דאָס פלייש: „איך בין דער עיקר״
טענהען די מערן: ס׳איז צום לאַכן,
מיר קומען דאָך מיט ראָזשינקעס און צוקער״.
האַלט דאָס קרויט זיך זייער גרויס:
„קוקט נאָר מײַנע קליידער אָן,
איך בין דאָך דאָ אויסערן כּלל,
אויסגעפּוצט ווי אויף אַ באַל״.
שווײַגט די ציבעלע דיסקרעט. —
אַלע לאַכן זי דאָ אויס:
„איר קלייד פאַרשפּילעט ביזן האַלדז,
אויפן קאָפּ צוויי האָר, ניט מער,
שוין לאַנג ניט געזען אַ שטיקל שער״.
נאָר חנה־דבורה קומט געשיקט,
שנײַדט אויף רעכטס, שנײַדט אויף לינקס,
און אַלץ אין די טעפּ צעשיקט.
דאַן נעמט זי זיך צו דער ציבעלע,
טוט דאָס קלייד איר אויס,
נעמט שיילן אירע אונטערוועש,

פאַרקלעמט איר האַרץ רחמנותדיק
און גלייַך לאָזט זי אַ טרער אַרויס.
פאַרוווּנדערט קוקן פון די טעפּ
די פיש, דאָס פלייש, די מערעלעך:
וואָס איז געשען?
חנה־דבורה נעמט פון וואַנט אַראָפּ,
אַ פלאַש בוימל
און שוין זאַלבט זי דער ציבעלע
דעם קאָפּ.
הערט זיך דאַן אַ קול פון טעפּ
פון פאַרוווּנדערטע געזיכטן:
„איז אמת אַז די ציבעלע
גיט צו טעם, צו די געריכטן?"

ס'איז געווען

געווען איז אַ קניאַז,
געווען איז אַ שלאָס,
געווען אויך אַ סאָד
דאָרט ניט ווײַט,
געוואַקסן דאָרט גראָזן,
געוואַקסן דאָרט ביימער.
אַ קליין שטעטל געוואַקסן
בײַ דער זײַט.
געוווינט האָבן ייִדן דאָרט,
געאַרבעט, געלעבט,
אין שולן געלויבט האָבן גאָט
ייִדן אָרעמע, ייִדן אַרבעטער,
מיט יושר פאַרדינט זייער ברויט.
נאָר אַזוי ווי אין מעשׂיות פון אַמאָליקע יאָרן —
אַן אכזר פאַרברענט האָט זייער שטוב
און ייִדן טאַטעס, מאַמעס און קינדער
ליגן צוזאַמען אין אַ גרוב.
ניטאָ קיין מצבֿה אויפן קבֿר דעם גרויסן
עס לייגט קיינער נישט קיין רויז אויפן גרוב.
נאָר מיר דאָ אין אייגן היים
געדענקען און ליבן זייער אָנדענק,
די בלויענקע בלימעלעך וואָס וואַקסן בײַ אונדזערע הײַזער,
מען רופט זיי „פאַרגעס מיך ניט" —
זיי טוען מיר שמעקן,
צו זיי טוען מיר קוקן,
און איך לייג זיי צו צו יעדערנס נאָמען
און נעם זיי אַרײַן אין מײַן ליד.

דער בלעכער

חיים איז געווען אַמאָל אַ בלעכער.
ער פלעגט דעקן הויכע דעכער
דאָ ביים קניאַז
און דאָרט — אַ קלויסטער,
און זינגען פלעגט ער חיים
ווען שטיין ער פלעגט אויף דעכער,
בעת ער פלעגט זיך פילן הויך,
העכער פון דעם רויך.
ער פלעגט שניידן דאָרט דאָס בלעך,
ליטעווען איינס צום צווייטן,
און זיין קול פלעגט ציִען, ציִען
אָן אַ סוף צו ווייטן.
נאָר עס זינגט זיך צו דער יונגער חיים:
אַז איך ענדיק, טרינק איך „לחיים",
און גיי מיר דעקן דעכער נייע
פון אַ שול און פון אַ קלויז,
ביז איך וועל פון דאַנען אַרויס...
היינט זינגט ווידער חיים „דער בלעכער"
און זיין קול היכלט העכער, העכער:
געווען אַמאָל אַ בלעכער...

דער טייטלבוים

אַ האַמער קלאַפּט פון לינקס. פון רעכטס,
ציטערט שוין דער טייטלבוים
און עס רונצלט זיך זײַן לײַב: —
באַלד קומט אַן דער שערער מיט זײַן גרויסער שער
און שנײַדן וועט ער פון מײַן קאָפּ
אַ האָר נאָך אַ האָר.
איך פיל מען בויט שוין דאָרט אַ סוכה פאַר די קינדער.
אַ גאַנץ יאָר ער שטייט אין גרין,
עס פּיקן זײַנע זיסע פּירות
די פייגעלעך, קליין און גרויס.
אויך קינדער האָבן ליב דעם זאַפּט און די טייטלען
פונעם אַלטן טייטלבוים.
מען באַשיצט זיי מיט זעק פאַר אַן אויג אַ בייזס,
ווי פון פרעמדער האַנט צו באַהאַלטן.
זי שנײַדט זיי אָפּ
אָבער אין סוכה הענגט מען זיי אויף שטריק
די סוכה צו באַפּוצן פאַר די קליינע קינדער וועגן
און מען לייגט זיי אויפן טיש
דעם טיש צו פאַרזיסן.
אַז עס קומט דער רעגן
וואַשט ער אָפּ און שווענקט
דעם טייטלבוימס געשוירן קאָפּ
און אַ מילדע זון פון אַסיען־טאָג
גלעט אים, גלעט און וואַרעמט.
שיקט דער בוים צוויי יונגע הענט
הויך צום הימל

ער דאַנקט פאַר בלײַבן לעבן,
נאָר זײַן גערונצלט לײַב
באַקומט אַ נײַעם קנייטש
און אַזוי פאַראייביקט דער בוים
זײַן שרעק פון פאַרגאַנגענעם יאָר.

בענקשאַפֿט

עס בענקט דער מענטש נאָך זײַן נעכטן,
עס קלאָגט דער מענטש
פֿאַרביטערט אויפֿן שווערן הײַנט,
ער וואַרט און ער האָפֿט
אויף אַ בעסערן מאָרגן.
דער מענטש אָבער פֿאַרגעסט,
אַז זײַן מאָרגן
וועט אויך זײַן אַ הײַנט,
אַ שווערער הײַנט
וואָס וועט אין אַ שיינעם נעכטן
זיך פֿאַרוואַנדלען,
און וועט נאָך אים בענקען,
און מיט נאָכטראַכט אים דערמאָנען.

מעלה אדומים

בערג אָן וועגן,
אָן גראָזן,
אָןביימער.
קיינער קען זייערע סטעזשקעס נישט
נאָר זאַמדן און פעלדזן.
אַ ווינטל שפּאַצירט זיך רויִק,
וואַקסט גרעסער,
פּײַפט, זינגט,
מאַכט אַ גערודער
צווישן די בערג פון יהודה,
שיט זאַמד
פון איין באַרג צום צווייטן.

אַ פּאַסטעכל מיט שוואַרצע ציגן,
ער קען דאָ די וועגן,
קען דאָ די וויגן,
טרײַבט זיי צום וואַסער,
פּײַפט אויפן פּײַפל,
פאַרהערט זיך מיטן ווינט —
צוויי פרײַנד.

נאָר פּלוצים
ווערט דער פּאַסטעך פאַרווירט:
איז דאָ אַ ריזיקער בינשטאָק
צווישן ווּיסטענישן אויסגעוואַקסן,
האָט דאָ דער שׂטן זײַן מראה פאַרפירט?

פֿאַרשטיינערט בלײַבן זײַנע אויגן
פֿאַרדרייט אין דער לופֿטן פֿונעם ווינט:
אַ שטאָט איז דאָ אויסגעוואַקסן,
אַ שטאָט, מײַן קינד,
אין די וויסטע בערג
פֿון ירושלים.

אויף די וועגן פון תנ"ך

פאַר אײַך

װעגן אײַך און פאַר אײַך
װיל איך זינגען —
איר שװעסטער מײַנע
מאַמעס פון מײַן פאָלק.
פון אײַער ברוסט
האָט פרעה
די קינדער געריסן,
אין טײַך זײ געװאָרפן —
אין יאור.

באָרװעס, מיט קינד אויפן אָרעם,
זײַט איר אין מידבר געגאַנגען
אויף קעמלען — די מענער,
און איר אין הײסן זאַמד פאָרויס
זײ װײַזן דעם װעג.
אין ציטער פון נאַכט
האָט איר זײער לײַב
מיט ליבע געװאַרעמט
אָן װאָרט, אָן געזאַנג.
בעת זײ זענען געזעסן
און גערויכערט נאַרגילעס,
האָט איר
מיט געבויגענע רוקנס,
אין טוי פון פרימאָרגן,
געקליבן דעם מן.
זײ האָבן גערעדט פון מלחמות און זיגן,

זיי האָט מען געשטעלט אין מחנות, —
יעדן איינעם געציילט.
אייער צאָל,
מאַמעס פון גרויסן שבט ייִדן
האָט קיינער ניט געוווּסט.

איר האָט די לויבגעזאַנגען
צו גאָט אין הימל געזונגען,
איר האָט פֿאַרן אָרון געטאַנצט,
איר האָט געקלאַפּט אין די טאַצן —
גערופֿן צום זיג.
איר, מײַנע שוועסטער.
פֿאַר אײַך איך זינג איצטער,
מײַן ליד,
מײַן לויב.

צוויי ברידער

די ערד איז ברוין. געל. רויט.
דער הילצערנער אַקער געשניטן האָט בייטן
און רידלען אין שווייסיקע הענט
געגלײַכט און פאַרדעקט האָבן
די געשאָטענע קערנער —
די זאָט פאַרן מענטש.
די וואָלקנס געברענגט האָבן וואַסער
די גערטנער און פעלדער אָנגעטרונקען
און קין, דער פויער, האָט גערוט.
פאַר זײַן מאַמעס זינד
ר'איז אַוועק פון גן־עדן
און איצטער פאַדערט ס'ברויט
דעם זודיקן שווייס.

עס גרינט שוין.
עס קוקן אַרויס פון דער ערד
קלייניקע פלאַנצן,
זיי הייבן די קעפּ וואָס העכער,
וואָס העכער
און עס בעט דער פויער:
זאָלן וואַקסן — די פלאַנצן
וואָס גיכער, וואָס בעסער,
זאָלן געבן די פעלדער אונדז
ברויט.

איז געקומען דער ברודער
הבל, דער פּאַסטעך,
זײַן שאָף איז אויסגעהונגערט,
זייער לײַב אויסגעדאַרט.
ער פײַפט אויף זײַן פײַפל
און מיינט דערמיט זאָגן:
„עסט שעפעלעך, עסט,
פאַרטרײַבט אײַער הונגער".

דער פויער היט זײַנע בייטן
זײַן פעלד דאָס פאַרזייטע,
טרײַבט אַוועק די שאָף מיט אַ פלאָקן.
אַ געשלעג צווישן ברידער
און עס ליגט שוין דער פּאַסטעך
אַ טויטער אין פעלד.
אַ פלעק פון פאַרגאָסענעם בלוט
קלעבט צום שטערן פון פויער
און ער פאַרלאָזט דאָס פעלד און דעם שניט
נעמט דעם שטעקן און
ווערט נע־ונד.
צוויי ברידער: קין און הבל
פון זיי עס ציט זיך דער קריג
צווישן פויער און פּאַסטעך
פון דעמלט ביז הײַנט.

תובל קין

למך פאַרבינדט זיך מיט עדה און צילה,
זין ווערן געבאָרן
אויך אַ טאָכטער אַ קליינע.
שפּילט איינער פידל
אַ צווייטער — פּאַשעט די שאָף,
דער דריטער, דער קליינער,
וואָס צילה האָט געבראַכט
אויף דער ליכטיקער וועלט
קלאַפּט מיטן האַמער,
שאַרפט און קלעפט
איין אײַזן צום צווייטן.
ער איז „דער טאַטע פון די שמידן",
שלאָסאַרעס און אינזשיניערן
וואָס בויען מאַשינען.
מיט שטיינערנע כּלים האָט ער
באַוועלטיקט דעם אײַזן,
דעם האַרטן, דעם שטאַרקן, —
דעם שטאָל.
די מאַשינען האַלטן אין פויסט איצט
דעם מענטש, די וועלט.
און תּמיד דערמאָנט מען תובל־קין, דעם זיידן,
דעם ערשטן שמידער אין דער וועלט.

שרה

זי איז געווען שיין,
זי איז געווען קלוג,
אברהם האָט די האַרנטע גערופן:
שרי
איר האָט ער די שליסלען געגעבן,
זי האָט זיי אין גאַרטל געטראָגן.
איז זי די האַרנטע שרה
אויף שפּייַכלערס פולע,
אויף פעלדער געזייטע,
אויף שאָף און אויף רינדער,
אויף פאַסטעכער אַלע
מיט ווייַבער און קינדער.
נאָר דעם שליסל צו זייַן האַרץ
האָט הגר באַקומען.
די נעכט פון הייסער ליבע
פון הילכיק לאַכן
זענען געווען אין הגרס געצעלט.
האָט שרה, די האַרנטע,
מיטן קלאַנג פון די שליסלען
דאָס געלעכטער פאַררוישט
און אירע שוואַרצע אויגן
מיטן פאַרטעך געווישט.
און כאָטש אברהם האָט זי פאַרערט
האָט זי ליבע געוואָלט,
געוואָלט ווידער זייַן זייַן שרי
און געוואַרט און זיך דערוואַרט
צו זייַן זייַן איינציקע,
זייַן ליבע.

רבקה

אַ גוט קינד,
אַ שטילע טויב —
די טאָכטער רבקה.
זי פירט די טשערעדע אין פעלד
זי טראָגט דעם פולן קרוג פון קוואַל
הויך אויפן קאָפּ
און גייט מיט שטילע טריט אַהיים, —
צו איר גוטער היים,
צו איר רײַכער היים.
נאָר איין מאָל
איז אַ פרעמדער קנעכט
צום קוואַל געקומען.
זי נייגט איר קרוג,
ער טרינקט,
עס טרינקען זײַנע קעמלען —
„קום צו מײַן היים" פאַרבעט זי אים,
„אונדזער הויף איז גרויס"...
„איך קום פון ווײַט,
איך האָב אַ רײַכן האַר,
איך זוך פאַר אים אַ גוטע פרוי". —
זאָגט ער.
און גלײַך נאָך אָט די רייד
ווערט באַלד זײַן היים
איר היים.
זי פאַרלאָזט איר שטוב
די פעלדער,
די שאָף,
דעם ריינעם קוואַל

זי׳ט זײַן אַ גוטע ווײַב
אַ געטרײַע ווײַב
צו יצחקן דעם מאַן.

דער מאַן איז רײַך,
דער מאַן איז צאַרט,
דאָך אין די נעכט
בענקט זי און דענקט:
דאַרף ער מיך דאָ?
נאָר אין איינער אַ נאַכט
וועקט איר אַ געשריי —
דער מאַן וויינט און שרײַט פון שלאָף.
זי לויפט און פרעגט:
„וואָס איז געשען?"
„אַ חלום. אַ חלום.
אַ חלף הענגט איבער מײַן קאָפּ
איך זע אים נאָענט,
איך זע אים דאָ.
איך זע אין קוסטועס ניט ווײַט
אַ בּאַראַן שטייט,
ער נענטערט זיך נאָענט
און ער קומט"...

רבקה, די ווײַב,
די טויב אָט די שטילע
דערזעט און דערפילט
אַז דאָ איז איר אָרט אים צו טרייסטן
און צו מאַכן אים זיכער דאָס לעבן —
דאָ איז איר היים
און דאָס איז איר מאַכט.

יעל

די זון נייגט אַראָפּ צום ים
פאַרבט דעם הימל אין רויט
און מיט בלאַסער האַנט
וויגסטו דײַן קינד דאָ —
יעל.

עס נענטערט זיך דאָ איינער
צו דײַן געצעלט — אַ גאַסט.
די גרייטסט פאַר אים כּיבוד אַ שעפּל מילך,
יעל.

אמת, אַ שונא פון דײַן פאָלק איז געקומען.
נאָר לאָז דעם פאָלק זײַן משפּט אַרויסטראָגן
פאַר דיר איז ער אַ גאַסט —
יעל.

ער טרינקט און שלאָפט אײַן
ער חלומט פון מוטער און וויגל
דו באַזיגסט אים אין זײַן שלאָף,
דערשטעכסט אים מיט אַ ריגל —
יעל.

אין דײַן געצעלט ער ליגט שוין טויט
און דײַנע פינגער פון בלוט זענען רויט,
יעל, יעל!
רויטלט זיך דער הימל
בײַ זריחה און שקיעה טאָג־טאָג.
נאָר איך וועל קיין לויב דיר נישט זינגען —
יעל.

איזבל

שוין געענדיקט דער טאַנץ,
די גלעזער פון ווײַן אויסגעליידיקט.
די געסט זענען אַוועק,
דער מלך איז מיד.
אין ווײַנגאָרטן נאָענטן
בײַם שכן,
דאָרט איז קיל,
דאָרט איז שטיל,
דאָרט הענגען די טרויבן
אין טוי.
נאָר דער שכן נבות
טענהט און שרײַט:
„דאָס איז מײַן ברויט,
מײַן לעבן" —
ער לאָזט זײַן בייט
ניט אָנרירן.
די מלכּה,
פאַררויטלט פון טאַנץ טוט אים פרעגן:
„צוליב וואָס, קעניג, דײַן טרויער?"
„אָך, איזבל מײַן שײַן,
דו ביסט זיסער פון ווײַן,
נאָר נאָכן טומל פון די געסט
נאָכן זויף און נאָכן פרעס
גלוסט זיך מיר אַ טרויב
פול מיט טוי
פון דער נאַכט"...

„וואַרט און באַקומסט אים,
דעם סאָד פון נבות,
דו ביסט דאָך קעניג,
דו ביסט מײַן גאָט“...
און עס לויפן שליחים,
און עס פאַלט שוין דער קאָפּ
פון ווײַנגערטנער
דעם שטילן, נבות.
האָט שוין דער מלך
פאַרברייטערט זײַן הויף,
ער האָט שוין אַ טרויב
און אַ מלכּה אַ געטרײַע, —
אַן אמתע טויב.

רות

די נאַכט פאַלט צו.
די שניטער — מידע
ליגן שוין אין שווערן שלאָף,
נאָר זי, אין טונקעלן קלייד,
זי קלײַבט די זאַנגען
וואָס שניטער אין פעלד האָבן געלאָזט
פאַר באַדערפטיקע.
עס פאַלט צו דער טוי,
עס ציטערט איר לײַב,
זי גלײַכט אויס דעם רוקן און טראַכט:
נעמי הייסט איר ברענגען אַ יורש.
נאָר דער קרוב איז שטאַרק,
דער קרוב איז רײַך,
דער קרוב איז שיין, אָבער פרעמד.
קלאַפּן די ציין פון פּחד און קעלט.
זי גייט און לייגט זיך
צופוסנס בײַ אים.
אַ האַנט ציט זיך אויס
דערנענטערט זי מילד
מיט וואַרעמקייט און רחמנות.
דאָס לײַב איז הייס
אויף די ליפּן גליִען,
זי ליגט שוין
אין צווײ שטאַרקע אָרעמס.
די זון גייט אויף. זי דערוואַכט.
אַ שטראַל הילט אײַן זי אין גאָלד
און לײַטערט אויס און באַהנט איר פּנים.

רות חלומט

זי איז ווידער אין פעלד ביַים קרוב
נאָר זי איז נישט אַליין מער אין חלום.
אַ קינד ביַי איר זיַיט,
אַ צווייטס אין אירע אָרעמס
געצירט איז זיַין קאָפּ
מיט אַ גאָלדענער קרוין.
פֿאַר איר, רות, און פֿאַר איר חלום
שריַיבט דאָס פֿאָלק
אַ מגילה.

נעמי קומט אַהיים

נעמי קומט אַהיים.
עס קומען איר אַנטקעגן
די פעלדער פון בית־לחם,
די אויסגעבענקטע בערג,
די טיפע פלוסן —
פול מיט ווינטער־וואַסער.
די זון שײַנט אויף
און פאַרגייט
צום ים אין אָוונט,
איר אַלטע היים זי האָט פאַרלאָזן
אין אירע הונגער־יאָרן.
זי איז אַוועק פון דאַנען,
פאַרלאָזט די שיינקייט פון בית־לחם
מיט קינד און רינד.
צוויי זין ווי ביימער
און אַ מאַן אַ געטרײַער,
און איצט — אַליין
פאַרשוואַרצט איז איר פנים,
באָרוועס די פיס
און מיט שוואַכן, שלאַבעריקן טריט.

זי האָט געלאָזן הינטער זיך
קברים פאַראייניזאַמטע דרײַ
איצט אַנטלויפט זי פון גלות
צום אייגן לאַנד אַרײַן צוריק.
נאָר איינע איז מיט איר:

רות, דאָס פרעמדע קינד,
איר יונגע שנור.
זי פירט די אַלטע נעמי
צו איר פּאָטערלאַנד, צוריק.
און דאָס האַרץ איז פול
מיט טרויער,
מיט ליבע,
מיט בענקשאַפט,
מיט זאָרג און פחד פאַרן מאָרגן
און מיט האָפענונג און גלויבן.

אין מידבר יהודה

פוסט. וויסט.
נאָר פעלדזן, נאָר זאַמד, נאָר ווינטן.
און אָט —
אַן איינציקער בוים צווישן פעלדזן.

טראַכט דער בוים:
ווער האָט דאָס מיך אַהער געבראַכט,
ווער האָט אין מידבר מיך פאַרפלאַנצט?
צי האָט אַ פייגעלע אַ מידס אינמיטן פלי
געשטעלט זיך צווישן פעלדזן רוען,
אַ קערנדל פון פיסקעלע פאַרלאָרן צווישן זאַמדן?
צי גאָר האָט דאָ אַ מענטש,
אַן איינזאַמער, פאַרבלאָנדזשעט,
דער בייזער ווינט האָט זיין געביין פאַרווייעט,
נאָר פון זיין ביסן איז אַ קערנדל
אין טאַש געבליבן.

אַ סגפן אַ בוים
וויקלט זיך אין געדאַנקען, אין בדידות,
שיקט טיף זיינע וואָרצלען
ברעכט פעלדזן זיך צו אָטכייען,
צעשיט זיינע קערנדלעך אַרום —
און איך האָב דאָך דאָ ניט קיין טאַטע, מאַמע,
נאָר אפשר וועל איך דאָ קינדער, —
ביימעלעך קליינע אַרום פאַרפלאַנצן
און ס'וועט ווערן אויס מיט דער איינזאַמקייט,
אויס מיט דער בדידות, אויס מיטן מדבר.
אפשר?! —

ירושלים

איך גיי אַרויף צו דיר
מײַן אויסגעבענקטע שטאָט.
פון טאָל איך קום צו דיר
ווי מײַנע אַלטע אבות
זיך אויסוויינען בײַם וואַנט
דעם כותל מערבי,
און פון דעם הויכן באַרג
אָנצוקוקן די קברים
אויפן אַלטן הר הזיתים.
מײַן פאַרנעפּלטער בליק
קוקט מיט וווּנדער דיך אָן:
דאָ האָבן די טאַטעס
פון אַלטן שטאַם מײַנעם,
פון גרויסן שבט לוי
געבענטשט די עולי־רגל
און גענומען מעשר פון האָראָפּאַשנעם פאָלק.
דאָ. דאָ. דאָ.

איך קוק דיך אָן מיט טרויער,
אויסגעבענקטע ירושלים.
עס לויטערט זיך מײַן בליק
ווען איך זע דיך הײַנט,
ווי די זון באַלײַכט דײַנע גאַסן
און ברייטערסט זיך אויס.
עס וואַרעמט מיר אין האַרצן
אַ פרייד געמישט מיט טרויער אויף דיר,
דו שטאָט באַליבטע, הייליקע,
דו אייביקע ירושלים.

אַן עלנטער אין ירושלים

מיט אומעט ציִען זיך די לעצטע גלאָקן־קלאַנגען,
עס גילדערן זיך דעכער אין זון־פאַרגאַנג.
אַ ייִד לויפט מיט אַ לייַכט האַרץ —
אַ טרער ר׳האָט פאַרגאָסן,
אַ תּפילה ר׳האָט געזאָגט,
אַ קוויטל באַהאַלטן צווישן שטיין און מאָך.
דעם חשבון הייַנט פאַרענדיקט
און אייַלט זיך איצט אין זייַן פינצטערן געסל.
אַ נאָנע מיט אַ צלם גרויסן
אויף איר האַרץ.
אין שוואַרצן געקליידט
אויך זי האָט שוין איר תּפילה געטאָן
און גייט זיך פאַרמאַכן אין אירע ד׳ אמות.
נאָר איינער, ער טראָגט נאָך
אין האַרצן זייַן תּפילה.
מיט אַ בינטל בלומען אין האַנט,
מיט טריט שוואַכע, נענטערט זיך
צו די טויערן פון שערי־צדק:
„גאָט דו גרויסער, גיב מייַן קראַנקער געזונט.
ניט לאָז מיך אַליין מיט דער בדידות
אויף דייַן גרויסער וועלט״.
ער זיצט ניט, ער דרייט ניט די פאות,
ער בוקט זיך ניט פאַר די פּסלים,
ער קניט ניט אויף זייַן דיוואַן
און בענטשט ניט זייַן אַללאַ,
נאָר אַ לויטערע טרער
פאַרנעפּלט זייַן בליק
און אין האַרץ זייַנס — אַ תּפילה.

אינהאַלט

איך און מײַן ליד

מײַן ליד 7
איך דאַנק 8
* (שטייט אַ פויגל) . . 9
אַ ליבע־ליד 11
אין פרייד און צער . . . 12
געקומען פון ווײַטן . . . 13
מײַן באָבעס ליד 14
מײַן מאַמעס ניגון . . . 15
מײַן זיידנס חומש־לערנען . 16
מײַן טאַטע זינגט ניט . . 17
ניגונים 18
ווער זינגט דאָס ליד ? . . 19
דאָס פּאַסיקע וואָרט . . 21
ווי אַ פעדער אין ווינט . . 22

סטעזשקעס אין מײַן דאָרף

ביימער 25
סילאַנום־קונסט 26
מאַלוועס 27
לאַכן ביימער 28
דער באַקסערבוים . . . 30
דער טראַקטאָר 32
ניסביימער 33
דער פּיקוס 34
אין אַ רעגן־טאָג . . . 35
פעליקאַנען 36
דרײַ פעלדזן 38
די טויב און די הון . . 39
פרילינג 41
וואַדי ערה 42
אַ טאָג אַ הייסער 44
זאַנגען 45
פאַרנאַכט 46
אין טונקעלער נאַכט . . . 47
דער סאָלאָוויי 48
באָוול־פעלדער 50
אַן אויפשטאַנד 51
אין בלעטערפאַל 52
צוויי טויבן וואָרקען . . . 53
הארבסט אין דאָרף . . . 55
כמאַרעס 56
רעגן 57
דריי ברידער 58
דער אָסי אין רעגן . . . 59
דער האָגל 60
אַ ווינטער־טאָג 61
צפון־געסט 62

אונדזער שטייגער

פרײַנדשאַפט 65
חברטעס 66
אונדזער שטייגער 67
די אויגן־שפּיגלען . . . 68
אַ וואַנט 69
צום דאָקטער 71
דער ברוינער הונט . . . 73
ביידע ווײַסע 74
די אַלטע מאַשינען . . . 76
אַן עלטערע פרוי 77
אין טרויער 78
די בכורה 79

דער מלך 80
אַ ציבעלע 82
ס'איז געווען 84
דער בלעכער 85
דער טייטלבוים 86
בענקשאַפט 88
מעלה אדומים 89

אויף די וועגן פון תנ"ך

פאַר אייך 93
צוויי ברידער 95
תובל קין 97
שרה 98
רבקה 99
יעל 101
איזבל 102
רות 104
רות חלומט 105
נעמי קומט אַהיים . . . 106
אין מידבר יהודה . . . 108
ירושלים 109
אַן עלנטער אין ירושלים . 110

ביכער פון שרה שבת:

פון היים צו היים, לידער
מיט אַן אַריינפיר פון מרדכי חלמיש, „ישראל־בוך", 1981

צווישן זון און שאָטן, לידער. פאַרלאַג „ישראל־בוך", 1983

ווי אַ פעדער אין ווינט, לידער. פאַרלאַג „ישראל־בוך", 1985